מקימי מעפר דל,
מאשפות ירים אביון.
ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם ארעמאן.
פונ'ם מיסט הויבט ער אויף דעם אביון....
(תהלים קי"ג. ז׳).

„......געווען איז דאס זומערלעבען ארום שבועות־צייט, דאס הייסט איך זאל אייך ניט זאגען קיין ליגען, א וואך אדער צוויי וואכען פאר שבועות, הא? אונ אפשר א פאר וואכען נאך שבועות...."

אזוי האט טביה אנגעהויבען צו דערצעהלען די געשיכטע, וואס ער האט מיר שוין לאנג צוגעזאגט איבערגעבען מיט אלע פישטשעווקעס, ניט פערפעהלען אפילו א האר. דאס פערד־אונ־וואגעלע האט ער אוועקגעשטעלט אין א זייט נעבען א בוים אונ אליין האט ער זיך צוגעזעצט נעבען מיר אויפ'ן גראז אין א ווארעמען שמעקענדיגען זומערטאג, אין איינעם פון די וועלטענע, געצעהלטע טאג אין בויבעריק, ווען די „דאטשניקעס", וואס קומען צופאהרען אהער פון יעהופעץ אויף זומער „שעפען פרישע לופט", קאנען ארוים שטעקען די נאז אין דרויסען נישט מורא צוהאבען האפען א מסוכנעם קאטארר, א מוראדיגען רעווומאטיזם, א גוואלדי־אנסקי פיבער, אדער אזוי א פערקיהלונג אויף טויט... אין אזא טאג זיצען שוין ניט די בויבעריקער „דאטשניקעס" פערשלאסען אין שטוב; ניין, זיי טראגען ארוים די גרינע טישליך אין גארטען אדער גאר אין וואלד, אונ דארט, אונטער דעם לויטערען שפיגעל־בלויען הימעל, אויף דער גרינער פרישע לופט — שפילט מען אין „ווינט", אין „אקא", אין „סטוקעלקע", אדער גאר אין „טערטיל־מערטיל", גלייך ווי ניט זי מיינט מען, ווי ניט פון זייערטוועגען האט גאט בעשאפען דעם ליבען, דעם ליכטיגען, דעם ווארעמען זומער, אזוי אז אפילו דער שיינער, דער הויכער בויבעריקער סאסנע־וואלד, וואס שטעהט אזוי יום־טוב'דיג, אין א גרינער קאפאטע, בעהאנגען מיט אסך שמעקענדיגע נאדלען, איז אויך ניט אומשטאנד אפצורייסען פון די קארטען די יעהופעצער לייט, וואס זענען געוואהנט צו „שפילען" טאג ווי נאכט זומער אונ ווינטער — דאס גאנצע לעבען.... אין אזא טאג קאנט איהר בעגעגענען אין וואלד אדער א קראנקען, וואס היינגט אין א „היימאק" (א וויגבעטיל), הוסט מיט די לעצטע כחות אונ וויל ניט שטארבען, אדער קליינע קינדער, וואס לארעמען אונ פילדערען אזוי, אז עס גליסט זיך נאר לויפען אין דער וועלט אריין, אדער בחורים אונ מיידליך, יונגע סטודענטליך אונ דערוואקסענע גימנאזיסטקים, וואס שפאצירען ארום פארליבטווייז, גאנץ היימיש, זינגען



לידליך, ווערען צעגאנגען פאר געלעכטער, שלאגען זיך אראפ פונ'ם וועג אונ פערבלאנזען אפט מאל ווייטליך אין וואלד אריין... נאר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו טביהן אונ צו זיין ערצעהלונג.

„.....על כל פנים הייסט דאס, סאיז געווען ארום שבועות צייט, שוין א מעשה פאוואליגקע פון אזוי גרויס ווי א יאהר צעהען אונ אפשר נאך מיט א סמיטשיק, איך בין נאך דעמאלט געווען, ווי איהר זעהט מיך אטא, גאר נישט דער וואס איצטער, טאקי דער אייגענער טביה, נאר פארט נישט דער, דהיינו וואס? א קבצן בין איך געווען, ניט פאר אייך געדאכט, אין זיבען פאלעס, דאס הייסט אז מע וויל שמיסען דאס אייגענע צוריק, בין איך נאך היינט אויך ווייט פון א נגיד, נור פארט דאנקען גאט, ווי זאגט איהר, א שטיקעל בעל־הבית, א פערד־אונ־וועגעלע איין אייגענס, קיין עין הרע א בהמה, וואס מעלקט זיך, אונ די אנדערע איף דער צייט, אונ א טעלעצע א היבשע, אליין אויסגעקאכעט, האב מיר ניט צו פערזינדיגען מיין פרנסה פיין בכבוד, מעפיהרט ארוים אלע טאג דאס ביסיל מילכיגס, קעז אונ פוטער, וואס גאט גיט, אייגענע הארעוואניע, איך נויים? דאכט זיך איהר זעהט מעטהוט אלדערסרינג, מעזעהט, אז מע זאל זיין צופרידען איטליכער בעזונדער ווי ווייט מעגליך, אונ מע בעגעגענט זיך מיט מענשען ברוך השם, אלע גרעסטע לייט פון יעהופעץ, מע רעדט א מאל אוים א ווארט מיט א מענשען, פיהלט מען זיך, אז מען איז אויך עפעס א שטיקעל מענש אויף דער וועלט — דעמאלט, מעגט איהר מיר גלויבען, איז צו מיר קיינער נישט גלייך, איך בין רייכער פון דעם רייכסטען גביר אין יעהופעץ! — איהר קוקט מיך אן, ווי א משוגענעם, א יא?..."

איך בעטראכט טביהן אונ מיין, אז ער איז גאר נישט אזוי משוגע, ווי איהם דאכט זיך; מעגליך, אז סאיז איהם בעסער ווי דעם רייכסטען גביר אין יעהופעץ... טביה איז א יוד א גזונדער, א ברייטביינדיגער, א שווארצער, א האריגער, שווער צו ווּיסען וויפיל ער איז אלט, טראגט גרויסע שטיוויל, א פערשמאלציוועטע נאקידקע אויף א ווארעם לייביל אין דער גרעסטער היטץ, א משונה מאדנע שניפסיל אויפ׳ן האלז, גאט ווייסט פון וואנען עס האט זיך צו איהם גענומען, מיט א ווילד קאשקעטיל אויפ'ן קאפ, וואס זיצט ווי אויף קאטאוועס אונ האט חשק אראפ צו שפרינגען, טביה איז תמיד אויפגעלייגט צו רעדען, האט ליב א גלייך ווערטיל, א משל, א תורה, נישט קיין איבעריגער למדן, נאר נישט קיין עם הארץ אין די קליינע אותיות.

מיט איינעם ווארט טביה איז א יוד פון די דארפסיודען, וואס עסען גוטע נארעניקעס מיט קעז, לעבען אפ נײַנציג יאהר אויף דער וועלט אונ ווייסען ניט פון קיין ברילען, פון קיין אריינגעשטעלטע צאהן, פון קיין מערידען אונ פון קיין אנדערע יודישע צרות אונ וועהטוגען... נאר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו טביהן אונ צו זיין ערצעהלונג.